יודעז, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

№ 155 | Łódź, Sroda, 4 lipca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ״א תמוז תרצ״ד | № 155

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# 46 שטורמיסטען-פיהרער דערשאסען

## פאן פאפען זיך אנגעגעבען אין דימיסיע. — וואו איז דער געוו. קרוינפרינץ ? — היטלער גיט אפ בעריכטען. — הינדענבורג דאנקט היטלער'ן. — פאן פאפען יא געהאט הויז-ארעסט. — דער דייטשער קאבינעט הערט אויס היטלער'ס בעריהמעריי

# יוליוש שטרייכער בעפרייט פון ארעסט

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

„רייטער"-אגענטור איז מודיע פון בערלין, אז היינט זאל פערעפענטליכט ווערען די ספעציעלע ליסטע פון ערמארדעטע אין משך פון די לעצטע געשעהענישען אין דייטשלאנד. אויף דער דאזיגער ליסטע פיגורירען 46 נעמען.

## וויצע-קאנצלער פאפען זיך אנגעגעבען אין דימיסיע

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

„רייטער" איז מודיע פון בערלין, אז אויף דער היינטיגער זיצונג פון דייטשען קאבינעט, האט וויצע קאנצלער פאן פאפען זיך אנגעגעבען אין דימיסיע. די דימיסיע איז אבער נישט געווארען אנגענומען.

היטלער האט אין אווענד אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט הינדענבורגען אין נוידעק.

## דייטשער קרוינפרינץ איז נישט אנטלאפען פון דייטשלאנד

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

„רייטער"-אגענטור רופט אפ די ידיעה, אז דער דייטשער קרוינפרינץ זאל האבען אנטלאפען פון דייטשלאנד קיין דאניע. דער קרוינפרינץ געפינט זיך אין זיין רעזידענץ — אין פאטסדאם און איז פון דארט נישט אוועק.

## קלינגער אין קאנצענטראציע-לאגער

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

פון אינפארמירטע קוועלען לייקענט מען אפ די ידיעה, וועגען דערשיסען דעם אנפיהרער פון דער זאקסישער טרופע ס. א. קלינגער. ווי מען פערזיכערט פון די זעלבע קוועלען, איז קלינגער נאר צייטווייליג ארייגעזעצט געווארען אין א קאנ-

צענטראציאנס-לאגער, פון וואנען ער זאל בעפרייט ווערען. ס'איז אבער נישט מעגליך, אז קלינגער זאל צוריק אקטיוויטעטען אין די שטורם-אפטיילונגען.

## אויפגעלעזט דעם פרעסע-אמט פון ס. א.

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

דער שעף פון דער פרעסע-ביורא ביי דער נאציאנאל-סאציאליסטישער פארטיי איז מודיע: אין הסכם מיט'ן שעף פון שטאב פון ס. א. לוטצע, ווערט דער פרעסע-אמט ביי ס. א. אומבעדינגט אויפגעלעזט. די ביז-איצטיגע ארבייט פון דאזיגען פרעסע-אמט געהט איבער דירעקט צום אמט פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער פארטיי.

## פאן פאפען בעפרייט פון הויז-ארעסט

פאריז, 3 (ספ. טעל.)

„האוואס" איז מודיע פון בערלין, אז וויצע-קאנצלער פאן פאפען וועט היינט בעפרייט ווערען פון הויז-ארעסט, און אז מארגען וועט ער פאהרען צו הינדענבורגען קיין נוידעק.

## יוליוש שטרייכער בעפרייט
### נאכ'ן אפגעבען היטלער'ן א דעקלאראציע

בערלין, 3 (יט"א טעלעגראפיש)

יוליוש שטרייכער, איז נאכ'ן אפגעבען א דעקלאראציע היטלער'ן — בעפרייט געווארען פון ארעסט.

## באיקאט-קאמפאניע געגען יודען ווערט אין דייטשלאנד פארטגעזעצט

בערלין, 3 (יט"א טעלעגראפיש)

די „פראנקפורטער צייטונג" טיילט מיט, אז ד"ר. בארעס, ארמיי-שעף געו. פריטש און פאליצאי-

אין דרום-דייטשלאנד ווערען פערשפרייט אנטיסעמיטישע פלוג-בלעטלעך, אין וועלכע ס'ווערט גערופען צו א שארפען באיקאט געגען יודען. די,

וואס קויפען ביי יודען ווערען אין די פלוג-בלעטלעך אנגערופען: פערהעטער פון דייטשלאנד.

## היטלער'ס בעריכט פאר'ן דייטשען קאבינעט

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

אויף דער היינטיגער זיצונג פון דייטשען קאבינעט, האט קאנצלער היטלער אפגעגעבען א בעריכט פון רעהם'ס פערשווערונגס-אקציע און האט אונטערגעשטראכען, אז ס'איז געווען נויטיג א באלדיגע נעבען-אקציע, ווייל אין געגענפאל האט געדראהט א סכנה פון אונרוהען

דער רייכסוועהר-מיניסטער, גען. בראמבערג, האט אין נאמען פון דער דייטשער רעגירונג אין דער ארמעע אויסגעדריקט היטלער'ן א דאנק פאר דעם דעצידירענדען און דרייסטען ארויסטריט, וואס האט פערהיטען פון א בירגער-קריג. היטלער — האט דער גענעראל בראמבערג ערקלעהרט — האט זיך ארויסגעוויזען פאר א מלוכה-מאן און זעלנער, וועלכער האט זיך ביים פאלק פערדינט

גרויסע סימפאטיע און צוגעבונדענקייט.

דער קאבינעט האט נאכדעם אנגענומען דאס געזעץ וועגען אונבעדינגטען מלוכה-שוץ.

דער יוסטיץ מיניסטער ד"ר גערטנער האט דערויף ערקלעהרט, אז דאס געזעץ וועגען אונבעדינגטען מלוכה-שוץ מוז בעטראכט ווערען ווי אלס בעפעהל.

ווייטער האט דער קאבינעט געמאכט ענדערונגען אין געזעץ וועגען פערזיכערען די איינינקייט צווישען דער נאציאנאל סאציאליסטישער פארטיי און דער מלוכה. אויפ'ן יסוד פון נייעם געזעץ, וועט דער שעף פון שטאב פון ס. א. נישט זיין אין דער צוקונפט קיין מיטגליד פון דייטשען קאבינעט.

## אפיציעלע דייטשע אינפארמאציע-ביורא לייקענט די אויסלענדישע ידיעות
### וועגען מאסען-עקזעקוציעס אין דייטשלאנד

בערלין, 3 (ספ. טעל.)

דאס דייטשע אינפארמאציע-ביורא האט פערעפענטליכט א לענגערען קאמוניקאט, אין וועלכען עס ווערט פראטעסטירט געגען די ידיעות אין דער אויסלענדישער פרעסע וועגען מאסען-עקזעקוציעס אין דייטשלאנד.

דער קאמוניקאט פראטעסטירט ספעציעל געגען די ידיעות פון דער דייטשער עמיגראציע-פרעסע וועגען דערשיסען דעם בערלינער בישקוף

פרעזידענט אין פאטסדאם, גראף העלדארף. לויט דער אפיציעלער דייטשער ביורא, האבען ד"ר באַרעס און געו. פריטש אליין אפגערופען די דאזיגע ידיעה. אויך גראף העלדארף האט מאנטאג אפ-געשטאט א וויזיט אין דייטשען פראפאגאנדע-מיניסטעריום.

דער קאמוניקאט לייקענט אויך אפ די ידיעה, וועגען דערשיסען פרינצען פון די האהענצאלערנס, מיניסטארען און אנפיהרער פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער פארטיי.

אויפמערקזאם! — יודען וואס האבען פיינט מרה שחורה — אויפמערקזאם!

גרייט זיך אויף שבת, ד. 7-טען יולי אין „הערענאו"

אויף דער גרויסער

לאר-מאניפעסטאציע

וואס וועט דויערן פון 2 מיטאג ביז 12 ביינאכט

„ארארט"

אונזער דעוויז: לופט, מוזיק, טעאטער

פרטים איז מארגענדיגען אנאנס!

הוי נפלה עטרת ראשנו! אחרי מחלה קצרה שבק חיים לכל חי בתל אביב

נ"ע אלימלך בן ר' מרדכי יעקב ז"ל לענטשיצקי

(בעל בית חומה בעיר לודז. שרודמיעסקא 44) בשנת 69 לימי חייו

הלויה היתה בתל-אביב ביום כ' תמוז 1934.

המודיעים בצער עמוק משפחתו המתאבלת.

